ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

•

משיחות ש״פ תבוא, כ״א אלול ה׳תנש״א

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
הי׳ תהא שנת פלאות בכל
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד

**בס"ד.**

# פתח דבר

**בזה הננו מוציאים לאור קונטרס משיחות ש"פ תבוא, כ"א אלול שנה זו.**

## מערכת „אוצר החסידים"

כ"ה אלול, ה'תנש"א (**ה**י' **ת**הא **ש**נת **א**ראנו **נ**פלאות)
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

# בס"ד. משיחות ש"פ תבוא, כ"א אלול ה'תנש"א

א. בהמשך צו דעם ציווי בפרשתנו[1] אויף מצות ביכורים (און וידוי מעשר[2]) אַנקומענדיק אין ארץ ישראל (וואָס דערמיט „השלים משה לבאר את התורה ולחדש כל המצות אשר צוה אותו ה' כו'"[3] ווי ער האָט אָנגעהויבן „בעשתי עשר חודש באחד לחודש גו' בעבר הירדן ב־ארץ מואב"[4]) — קערט זיך אום משה צו רעדן וועגן דעם כללות'דיקן קיום פון גאַנץ תורה און אַלע מצוות און דער ברית אויף דעם צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן[5] („כי כבר השלמתי לך הכל"[3] אין דעם ספר משנה תורה):

„היום[6] הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים ושמרת ועשית אותם בכל לבבך ובכל נפשך וגו'"; און דערנאָך[7] — „שמור את כל המצוה אשר אנכי מצוה אתכם היום, והי' ביום אשר תעברו את הירדן אל הארץ גו' והקמות לך אבנים גדולות גו' וכתבת עליהן את כל דברי התורה הזאת וגו'"; און — „הסכת[8] ושמע ישראל היום הזה נהיית לעם לה' אלקיך, ושמעת בקול ה' אלקיך ועשית את מצותיו גו'", און דער־נאָך בהמשך הפרשה — רעדט זיך בארוכה וועגן די „דברי[9] הברית אשר צוה ה' את משה לכרות את בני ישראל בארץ מואב מלבד הברית אשר כרת אתם בחורב", ביז בסיום הפרשה ממש[10]: „ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם למען תשכילו את כל אשר תעשון" [און דער תוכן ווערט נמשך אויך אין די פרשיות שלאחרי זה (נצבים, וילך, האזינו און וזאת הברכה), וואו עס רעדט זיך (ניט וועגן מצוות פרטיות, נאָר) וועגן דעם ברית אויף כללות התורה והמצוות און ענינים כלליים פאַרבונדן דערמיט].

וויבאַלד אַז דער ציווי וברית אויף כללות התומ"צ קומט בהמשך אחד גלייך נאָך מצות ביכורים[11], יש לומר אַז ס'איז דאָ צווישן זיי אַ תוכן'דיקע שייכות[12] (כידוע דער דיוק אין אַלע עניני תורה, אויך אין דעם סדר פון תורה).

ובפרט לויט פירוש רש"י[6], אַז „(היום הזה ה' אלקיך מצוך גו') ושמרת ועשית אותם" איז אַ ברכה וואָס קומט צוליב קיום מצות ביכורים וואָס רעדט זיך לפני זה[13]

1) בתחלתה (כו, א ואילך).

2) שם, יב ואילך.

3) רמב"ן פרשתנו עה"פ היום הזה ה' אלקיך מצוך גו' (שם, טז).

4) דברים א, ג. ה.

5) ראה ספורנו עה"פ היום הזה גו': היום הזה — שאתה נכנס עמו לברית, הנה ענין הברית הוא שהא־ל ית' מצוך את החוקים והמשפטים לטוב לך ואתה מקבל עליך לשמרם.

6) פרשתנו כו, טז.

7) כז, א־ג.

8) שם, ט־י.

9) כח, סט.

10) כט, ח.

11) ראה ספרי ריש פרשתנו: עשה מצוה האמורה בענין (ביכורים) שבשכרה תכנס לארץ. ועפ"ז, קיום הברית על כללות תומ"צ בארץ ישראל הוא בשכר קיום מצות ביכורים. אבל עדיין צריך ביאור בהשייכות ביניהם, כבפנים.

12) וענין זה נראה גם ב„מקרא ביכורים" — שההודאה היא על יציאת מצרים כו' — ענינים כלליים השייכים לכל ישראל בכל הדורות — ראה לקמן בפנים סעיף ז.

13) וראה לקו"ת ריש פרשתנו (ד"ה היום הזה

(„בת קול מברכתו הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה״)[14].

נאָכמער: דער ברית אויף כללות תומ״צ שטייט אין דער זעלבער פרשה מיט מצות ביכורים, און די התחלה פון דער פרשה איז בענין זה (ביכורים) — וואָס אַ התחלה (פון יעדער זאַך, אפילו בלשון בני אדם, ועאכו״כ אין קדושה ותורה) פירט צו און האָט אַ שייכות צו דעם המשך הענין.

דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות צווישן מצות ביכורים מיטן ברית אויף קבלת התומ״צ — כל התומ״צ. לכאורה איז ביכורים איין מצוה פרטית צווישן אַלע מצוות התורה, און זי איז פאַרבונדן מיט תנאים והגבלות בזמן במקום באיש ובמין [דוקא אין ארץ ישראל[15] בזמן שביהמ״ק הי׳ קיים[16]; דוקא פון די שבעה מינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל און מן המובחר שבהם[17]; דוקא דער וואָס האָט קרקע אין ארץ ישראל[18], און קרקע משובחת[19]; „אין קורין מקרא ביכורים אלא בזמן שמחה מעצרת ועד החג״[20]; ועוד]. וואָס איז די שייכות דערפון מיט „היום הזה ה׳ אלקיך מצוך גו׳״ — וואָס גייט אויף אַלע מצוות, אין וועלכע אידן זיינען מחוייב בכל זמן ובכל מקום, כפרש״י עה״פ[6]: „בכל יום יהיו בעיניך חדשים כאילו בו ביום נצטוית עליהם״[21].

אויך דאַרף מען פאַרשטיין בנוגע צו דעם שם הפרשה — „תבוא״[22]: מ׳האָט גערעדט מערערע מאָל[23] בנוגע צו שמות הפרשיות, אַז דער נאָמען פון אַ זאַך גיט אַרויס דעם תוכן פון דער זאַך וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם באַטרעפנדן נאָמען. ועפ״ז דאַרף מען האָבן אַ הסברה אין אונזער פרשה: „תבוא״ מיינט — אַריינקומען (פון אידן אין ארץ ישראל). וואָס לכאורה איז דאָס נאָר אַ הקדמה והכנה צו קיום מצות ביכורים (און די אַנדערע מצוות) וועלכע מ׳דאַרף מקיים זיין לאחרי ווי „תבוא אל הארץ גו׳״[24]. ואעפ״כ ווערט

ה׳ אלקיך מצוך — מא, רע״ג): „לא כתיב איזה יום משום דהמקרא מחובר לפרשה שלמעלה הימנה שמסיימת ארץ זבת חלב ודבש שקודם שנכנסו לארץ הי׳ כריתת ברית על קבלת התורה . . וזהו היום הזה וגו׳ דהיינו בשעת כניסתן לארץ, ולכן ודבש היום הזה הוי׳ הוא ראשי תיבות צירוף הוי׳ אחת שהוא״ו של ודבש שבפרשה ראשונה מחובר למקרא שלמטה הימנה כי הכל ענין אחד״ (וראה לקו״ש שבהערה הבאה (ע׳ 231), שענין זה מתאים עם פרש״י עה״פ, כי ההכרח של רש״י ש„היום הזה גו׳״ קאי במצות ביכורים הוא (גם) ממה שנאמר לפני זה „ארץ זבת חלב ודבש״, שדבש שייך דוקא למצות ביכורים, עיי״ש).

14) נתבאר בלקו״ש חי״ט פ׳ תבוא (ע׳ 227 ואילך).

15) כלים פ״א מ״ו. חולין קלו, א. רמב״ם הל׳ ביכורים רפ״ב.

16) ביכורים פ״ב מ״ג. שקלים פ״ח מ״ח. תוספתא שם פ״ג. ספרי פרשתנו כו, ד. רמב״ם שם.

17) ביכורים פ״א מ״ג. מ״י. רמב״ם שם ה״ב־ג.

18) שהרי דוקא הפירות הגדלים בקרקע שלו חייבים בביכורים (ביכורים שם מ״ב. רמב״ם שם ה״י).

19) שאין מביאין „לא מתמרים שבהרים ולא מפירות שבעמקים״ (מקומות שבהערה 17).

20) פרש״י פרשתנו כו, יא. וראה גם רמב״ם שם פ״ד הי״ג.

21) ראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 356 ואילך.

22) כך נקראת בכל החומשים שראיתי (ולא כי תבוא), ועד לדרושי רבותינו נשיאינו דפרשה זו בהתחלתם. ובטור או״ח סו״ס תכח: כי תבא. וב־רמב״ם „סדר תפלות כל השנה״ בסופו: והי׳ כי תבוא. ואכ״מ.

23) ראה בארוכה לקו״ש ח״ה ע׳ 57 ואילך. ועוד.

24) שהרי „כי תבוא אל הארץ גו׳״ הוא לא הציווי על הכניסה לארץ וכיבוש וחלוקת הארץ, ונאמר בפרשיות שלפני זה.

די גאַנצע פרשה — אָנהויבנדיק פון עצם מצות ביכורים, ביז אויך דער ברית אויף כללות כל המצוות שבפרשתנו — אָנגעד רופן בשם "תבוא", וואָס איז ניט מער ווי אַ הכנה והקדמה צו קיום המצוות בארץ!

**ב.** וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים דער חידוש אין מצות ביכורים לגבי אַנדערע אופנים אין נתינת שבח והודאה לה':

דער אינהאַלט פון הבאת ביכורים און מקרא ביכורים איז די אַנערקענונג אַז "מאתו יתברך הוא יגיע לנו כל הברכות בעולם"[25]: די ברכה פון דעם אויבערשטן ברענגט אַ אידן די שפע תבואות און פירות אין זיין פעלד, וואָס דערפאַר גיט ער אַוועק דעם אויבערשטן "מראשית כל פרי האדמה"[26], פון די ערשטע און בעסטע פרוכט פון דער פעלד, און דאַנקט דעם אויבערשטן (און איז ניט קיין "כפוי טובה"[27]) פאַר די פירות מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט אים געבענטשט און פאַר אַלע זיינע חסדים ("חסדי המקום"[28]) — "וענית ואמרת לפני ה' אלקיך"[29], "יספר חסדיו יתברך עלינו ועל כל עם ישראל דרך כלל"[30].

דער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן פאַר זיינע חסדים און דערפאַר זאָגן דעם דאַנק און אָפּגעבן שבח והודאה לה' איז, אַן ענין כללי אין דעם לעבן פון אַ אידן, אָנהויבנדיק גלייך "מיד כשניעור משנתו"[31] דורך אַנערקענען און דערקלערן "מודה אני לפניך . . שהחזרת בי נשמתי"[32]. און דאָס איז דער יסוד, דער ערשטער אַריינפיר צו זיין עבודת השם, וואָס ווערט פאָרגעזעצט אין די ברכות ותפלות (ווי "נודה לך . . על חיינו המסורים בידך . . ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובוקר וצהרים"[33]), און אין די פאַרשידענע און מערערע "ברכות הנהנין" וואָס אַ איד בענטשט און דאַנקט דעם אויבערשטן במשך דעם גאַנצן טאָג, און יעדן טאָג, פאַר יעדער טובה און הנאה וואָס ער געניסט, כולל — ועיקר — ברכת המזון (וואָס איז מן התורה[34]) — "הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים כו'"[35].

נאָך מער: אפילו צווישן די אומות העולם, וועלכע גלויבן און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז דער בורא עולם ומנהיגו — איז דאָ די הנהגה צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר געבן זיי שפייז אד"ג.

און דאָס איז נאָכמער אונטערשטראָכן לויט דער תורה הידועה פון דעם בעש"ט (אויספירלעך ערקלערט דורך דעם אַלטן רבי'ן[36]), אַז די באַשאַפונג פון דער גאַנצער וועלט ווערט באַנייט בכל יום ויום ובכל רגע ורגע. וואָס דאָס איז אַן אומבאַגרענעצטער חסד פון דעם אויבערשטן בורא עולם צו יעדן נברא — וועלכער ווירקט אויף דעם נברא און ברענגט אים צו דער טיפער אַנערקענונג און דעם געפיל, אַז ער און אַלץ אַרום אים

25) חינוך מצוה עב. מצוה תרו.

26) פרשתנו כו, ב.

27) פרש"י שם, ג.

28) פרש"י שם, ה.

29) פרשתנו שם.

30) חינוך מצוה תרו. וראה גם סהמ"צ להרמב"ם מ"ע קלב.

31) ל' אדה"ז בשו"ע או"ח מהדו"ב ס"א ס"ו. סידור אדה"ז לפני "מודה אני". ועוד.

32) סדר היום בתחלתו — הובא בבאה"ט או"ח ס"א סק"ה. שו"ע אדה"ז שם. מהדו"ק שם ס"ה.

33) תפלת העמידה בברכת מודים.

34) ברכות מח, ב. רמב"ם הל' ברכות רפ"א.

35) נוסח ברכה ראשונה דבהמ"ז.

36) בשער היחוד והאמונה בתחלתו.

איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אין דעם שטענדיקן חסד פון דעם אויבערשטן[37].

אין מצות ביכורים געפינט מען אָבער אַ חידוש — אַ טיפערן און מער אַרומנעמענדיקן אויסדרוק פון אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן[38]: דער איד ברענגט אַרויס זיינע דאַנקבאַרשאַפט־געפילן צום אויבערשטן פאַר די חסדים ניט בלויז בדיבור, נאָר ער דריקט עס אויס אין נאָך אַ שטאַרקערן אופן — אין מעשים: ער נעמט „מראשית כל פרי האדמה", און ברענגט עס אין בית המקדש, „תביא בית ה' אלקיך"[39], „אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך לשכן שמו שם"[26], און לייגט עס אַוועק פאַר דעם אויבערשטן, „והנחתו לפני ה' אלקיך"[40].

וואָס דאָס דריקט אויס די פולע אַנערקענונג אַז „לה' הארץ ומלואה"[41], אַז אַלץ באַלאַנגט צום אויבערשטן: דער איד באַנוגנט זיך ניט מיט דער הכרה אַז דאָס וואָס ער פאַרמאָגט קומט צו אים בחסדי ה' וברכתו ית' — נאָר ער באַווייזט מיטן ברענגען די ביכורים אַז אויך נאָכן באַקומען דעם שפע פירות געהערן פירות (און אַלע זיינע נכסים) נאָך אַלץ צום אויבערשטן (ווייל „לה' הארץ ומלואה"), און דערפאַר ברענגט ער די „ראשית כל פרי האדמה" (דאָס ערשטע און בעסטע) „לפני ה' אלקיך", עס בלייבט אין רשות פון דעם אויבערשטן[42].

און די פעולה פון הבאת הביכורים „לפני ה' אלקיך" (באופן אַז עס בלייבט דאָרט) נעמט אַדורך נאָך טיפער דעם אדם המביא הביכורים — אַז ער זאָל נאָך מער אַנערקענען, דערהערן ביז דערפילן — ווי ער אינגאַנצן און אַלץ וואָס געפינט זיך ברשותו באַלאַנגט „לפני ה' אלקיך" — וואָרום דורך הבאת ביכורים (במעשה בפועל) ברענגט זיך אַרויס די אַנערקענונג ניט נאָר אין זיין מחשבה ודיבור (ווי דאָס איז דורך נתינת שבח והודאה אין ברכת המזון וכיו"ב), נאָר אויך אין זיין מעשה; דאָס נעמט דורך זיין גאַנצע מציאות אַלע זיינע „לבושים", ביז אַז די פעולה ומעשה נעמט דורך טיפער אויך זיין דיבור — „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך", אַז ער זאָגט עס הויך („וענית ל' הרמת קול"[43]) און מיט שמחה[44], און זיין מחשבה וכוונה בזה[45].

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם[38]:

חז"ל זאָגן[46] אַז אידן ווערן אָנגערופן „ביכורים", ווי עס שטייט[47] „כביכורה בתאנה בראשיתה ראיתי אבותיכם", און „קדש ישראל לה' ראשית תבואתה"[48], ווייל כשם ווי „ביכורים" (מלשון בכור) זיינען „ראשית פרי האדמה", ו„קדמו

---

37) ראה בכ"ז גם מכתב ח"י אלול ש.ז. (נדפס בסה"ש תשנ"ב ח"ב ע' 515 ואילך).

38) בהבא להלן, ראה גם מכתב מוצש"ק פ' תבוא, כ"א אלול ש.ז. (סה"ש שם ע' 521 ואילך).

39) משפטים כג, יט. תשא לד, כו.

40) פרשתנו כו, י.

41) תהלים כד, א.

42) שנעשים כקדשי מקדש וניתנים לכהנים (ראה ביכורים פ"ג מי"ב. רמב"ם הל' ביכורים רפ"ג. וראה גם רמב"ם שם פ"ב הי"ט. ועוד).

43) פרש"י פרשתנו כו, ה. מסוטה לב, ב.

44) ספרי ופרש"י שם, יא. פסחים לו, ב. רמב"ם שם פ"ד הי"ג.

45) ראה חינוך שבהערה 30: האדם מעורר מחשבותיו ומצייר בלבבו האמת בכח דברי פיו, על כן בהיטיב אליו השם ברוך הוא ובברכו אותו . . ראוי לנו לעורר לבנו בדברי פיהו ולחשוב כי הכל הגיע אליו מאת אדון העולם כו'.

46) זח"ג רנג, א (ברע"מ). וראה זח"ב קכא, רע"א. — הובאו ונת' באוה"ת פרשתנו ע' תתרלג ואילך. שם ע' תתרלט ואילך. וראה סה"מ תרנ"ד ע' רפד ואילך. וראה גם אסת"ר פ"ט, ב.

47) הושע ט, י.

48) ירמי' ב, ג.

ביכורים לכל"[49] — אַזוי זיינען אידן די „ראשית" פון וועלט[50] — פריער און הע־כער פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן — „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר"[51]. ווי חז"ל זאָגן[52] אויפן פסוק[53] „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל שנקראו[48] ראשית תבואתה".

און דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו כללות נשמות ישראל למעלה אָדער כללות עם ישראל למטה, נאָר צו יעדן איינצלנעם אידן למטה, אנשים נשים וטף, ווי חז"ל זאָגן[54]: „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם", יעדער איד דאַרף זאָגן אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים.

כשם ווי די ביכורים בפשטות דאַרפן געבראַכט ווערן אין ירושלים און אַוועק־געלייגט ווערן אין בית המקדש, „לפני ה' אלקיך" — אַזוי איז אויך בנוגע צו אידן: זייענדיק די „ביכורים" פון וועלט, איז דער אמת'ער „אָרט" פון אידן, פון יעדער אידן, „לפני ה' אלקיך", אין בית המקדש. וואָרום די עיקר'דיקע און אמת'ע מציאות פון אַ אידן (אויך אַלס אַ נשמה בגוף למטה) איז זיין ג־טלעכע נשמה[55], וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[56], ביז — בלשון הידוע[57] — „ישראל וקוב"ה כולא חד", און דעריבער, איז יעדער איד, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, פאַרבונדן און געבונדן מיט דעם אוי־בערשטן, און דערפאַר דאַרף ער זיך געפינען (אויך בגלוי) „לפני ה' אלקיך",

„לפני" — סיי בפירושו הפשוט: פאַר — בסמיכות צו דעם אויבערשטן, און סיי בפירושו הפנימי: מלשון פנימיות[58] — ב־פנימיות „ה' אלקיך", „ישראל וקוב"ה כולא חד". וואָרום הגם אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן, איז אָבער די וועלט באַשאַפן געוואָרן נאָר אַלס אַן אמצעי „בשביל יש־ראל שנקראו ראשית", ובמילא נעמט זיך עס ניט און עס דערגרייכט ניט אין דער פנימיות („לפני") הרצון והכוונה פון הוי' אלקיך; משא"כ ישראל זיינען „ביכורים" („ראשית") — דער תכלית איז אין זיי גופא[59], און אַלע אַנדערע זאַכן זיינען באַ־שאַפן געוואָרן „בשביל ישראל", וואָרום „ישראל וקוב"ה כולא חד", דעריבער זיינען זיי פאַרבונדן מיט „לפני (דער פנימיות פון) הוי' אלקיך"[60],

49) תרומות פ"ג מ"ז (וברע"ב שם בפירוש הא').

50) ראה ד"ה קדש ישראל לה' בלקו"ת פינחס עט, סע"ב ואילך. אוה"ת פינחס ס"ע א'רג ואילך. שם ע' א'ריב ואילך. סה"מ תר"ל ע' רה ואילך. המשך תרס"ו ע' תקח ואילך.

51) ב"ר פ"א, ד. וראה תדא"ר פי"ד.

52) פרש"י ר"פ בראשית. וראה גם תנחומא (באָבער) בראשית ג. ויק"ר פל"ו, ד.

53) בראשית א, א.

54) משנה סנהדרין לז, סע"א. וראה פיה"מ להרמב"ם בהקדמתו ד"ה דע כי הקדמונים חקרו.

55) ראה תניא רפל"ב. שעהיוה"א פ"ו (פ, סע"ב). רדב"ז לרמב"ם הל' ממרים פ"ב ה"ד.

56) תניא רפ"ב.

57) ראה זח"ג עג, א.

58) להעיר מתו"א משפטים עה, ג. תו"ח שם תט, רע"א. ועוד.

59) ראה לקו"ש ח"ב ע' 604. ח"ה ע' 246. ח"ו ס"ע 235 ואילך. ח"י ע' 25.

— וגם הענין ש„אני נבראתי לשמש את קוני" (משנה ובריתא סוף קידושין), הנה מכיון שישראל וקוב"ה כולא חד, הרי זה גופא מה שנבראו לשמש את קונם, זהו המציאות שלהם (ראה לקו"ש ח"ה שם ובהערה 40). וראה (יתירה מזה) לקו"ש חכ"ד ע' 163 הערה 44.

60) ועוד יש לומר: „לפני הוי' אלקיך" — למעלה מהוי' אלקיך (ע"ד הפירוש ב„לפני הוי' תטהרו" (אחרי טז, ל) — אוה"ת דרושים ליוהכ"פ ע'

און ווי „הוי׳״ (מלשון מהוה[61]) ווערט „אלקיך״ (לשון יחיד, ניט אלקיכם), „כחך וחיותך״[62] — וואָרום יעדער איד — אויך ווי ער געפינט זיך אַלס אַ נשמה בגוף למטה (שנתהוה משם הוי׳ ווי ער ווערט נתלבש אין אלקיך, כחך וחיותך) — איז בדרגת ביכורים, כנ״ל אַז „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם״, און מ׳איז ניט מחלק אין דעם צווישן איין איד און אַ צווייטן, נאָר „כל אחד ואחד״ ממש — אפילו אַזאַ וואָס שטייט אין אַ נידעריקער דרגא (בחיצוניות) איז „חייב לומר בשבילי נברא העולם״.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס וואָס אַ איד איז „לפני ה׳ אלקיך״ דאַרף דורכדרינגען דעם גאַנצן לעבן פון אַ אידן בכלל, און אויך בפרט. אַ איד דאַרף פילן ווי יעדער פרט פון זיין לעבן איז אַן ענין פון „ביכורים״ צו דעם אויבערשטן: ניט נאָר ווען ער איז אַריינגעטאָן אין ג־טלעכע ענינים, לימוד התורה און קיום המצוות, נאָר אפילו ווען ער איז באַשעפטיקט מיט וואָכעדיקע וועלט־זאַכן פון פרנסה וכדומה — איז וויבאַלד זיי זיינען דברי הרשות פון אַ אידן, געהערן אויך זיי צום ענין פון ביכורים, ובמילא דאַרפן זיי זיין דורכגענומען מיט דער פולסטער און העכסטער מאָס דערהויבנקייט און הייליקייט[63], ווי עס פּאַסט פאַר אַ זאַך וואָס ווערט געטאָן „לפני הוי׳ אלקיך״.

און אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איין און איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים — איז זייענדיק אַ מחשבה, דיבור אָדער מעשה פון אַ אידן, איז דאָס אַ טייל פון „ביכורים״ וואָס געהערט אין בית המקדש, „לפני הוי׳ אלקיך״!

און די הסברה בזה איז, כנ״ל: וויבאַלד אַז דאָס איז אַ טייל פון אַ אידן׳ס לעבן — וואָס אַ איד איז „כולא חד״ מיט דעם אויבערשטן, און ער איז ניט קיין מיטל (אמצעי) צוליב אַ צווייטע זאַך, נאָר די כוונה און תכלית איז אין אים גופא — איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי איז אויך בנוגע צו די פרטים פון זיין לעבן, אַז יעדער פרט וואָס אַ איד טוט, יעדער מחשבה דיבור אָדער מעשה שלו, און אין יעדער רגע בזמן און נקודה אין מקום וואו ער געפינט זיך — אפילו אַן איין און איינציקע און גאָר אַ קלייניקייט[64] (לפי ערך) — איז אַ טייל פון „ביכורים״ וואָס שטייען „לפני ה׳ אלקיך״ אין דעם „בית המקדש״ („מקדש אד׳ כוננו ידיך״[65]), און אויך אין דעם רגע און אין דעם מקום (אפילו אויב דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקע זאַך) האָט ער דעם חיוב זאָגן „בשבילי נברא (כל) העולם״, וואָרום כל הענינים זיינען באַשאַפן געוואָרן צוליב די עבודה פון אַ אידן (במחשבה, דיבור אָדער מעשה) אין דעם זמן און אין דעם מקום מסויים דוקא —

---

ב׳קלט), שהרי ישראל וקוב״ה כולא חד, למעלה משם הוי׳ (מלשון מהוה) ואלקיך (שם אלקים).

61) זח״ג רנז, סע״ב. פרדס שער א (שער עשר ולא תשע) פ״ט. שעהיוה״א רפ״ד.

62) ראה לקו״ת במדבר טו, רע״ד. שלח מ, ג. אוה״ת יתרו ע׳ תתצט ואילך. לקו״ש חי״ח ע׳ 191.

63) ראה גם לקו״ש חכ״ד ע׳ 622. וש״נ.

64) עפ״ז יומתק הדין (פאה רפ״א. ביכורים פ״ב מ״ג) שביכורים אין להם שיעור (מן התורה*), „אפילו אשכול אחד ואפילו גרוגרת אחת״ (ספרי פרשתנו כו, ב).

65) בשלח טו, יז.

*) רמב״ם הל׳ ביכורים פ״ב הי״ז. — ויש סוברים שעיקר ביכורים אף מדבריהם אין לו שיעור (ראה אנציקלופדי׳ תלמודית בערכו (כרך ג ע׳ שה), וש״נ).

כידוע אַז „מה' מצעדי גבר כוננו"[66] (ע"ד „מקדש אד' כוננו ידיך"), [ביז אַז אַ איד האָט דעם כח ובעה"ב'ישקייט צו אויפטאָן אַ שינוי וחידוש אין דעם זמן ומקום — „ישראל דקדשינהו לזמנים"[67], ועד"ז בנוגע צו קידוש המקום (דורך בנין ביהכנ"ס וכיו"ב)].

ד. עפ"ז איז מובן דער אויפטו פון מצות ביכורים לגבי די אַנדערע אופנים אין הודאה ושבח לה':

דער פנימיות'דיקער ענין אין „ביכורים", אַז דאָס ברענגט אַרויס ווי די אמת'ע מציאות פון אידן איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, און דעריבער זיינען אַלע זייערע פרטים „לפני ה' אלקיך" — שפיגלט זיך אָפּ אין קיום מצות ביכורים בפשטות (דורך אידן), אַז דאָס איז ניט נאָר אַ הודאה בדיבור, נאָר אויך במעשה — אַז מ'ברענגט די פירות גשמיים „לפני ה' אלקיך" און זיי בלייבן ברשותו של הקב"ה, די גשמיות'דיקע פירות ווערן פאַרוואַנדלט אין קדושה[68], און דאָס נעמט דורך די מציאות פון דעם אידן המביא את הביכורים, במחשבה דיבור ומעשה שלו — אַז ער (דער איד) ווערט דער „זאָגער" (דער מקור) וואָס זאָגט און זינגט שבחו של הקב"ה — „וענית ואמרת לפני הוי' אלקיך", און אַלע אַרום, כולל דעם „כהן אשר יהי' בימים ההם"[69], און אויך דער אויבערשטער אַליין כביכול, שטייען און הערן זיך צו וואָס ער זאָגט,

ניט בלויז ווי דער יחס פון אַ בורא ונברא אַז דער נברא איז מודה לה' אויף די השפעת חיות וחסד, אָבער בורא מיט נברא בלייבן צוויי באַזונדערע זאַכן, כנ"ל.

דורך קיום מצות ביכורים, איז מען מגלה למטה אין עוה"ז התחתון, ווי אידן (זייענדיק נשמות בגופים) זיינען „ביכורים" („ראשית") פון דער גאַנצער וועלט, שבשבילם נברא כל העולם.

ה. דערפון איז מובן דער ענין כללי אין מצות ביכורים וואָס פאַרבינדט איר מיט כללות התומ"צ:

ביכורים ברענגט אַרויס דעם תכלית פון קיום כל התורה ומצוות — אַז ביי אַ איד, אויך ווי ער געפינט זיך אַ נשמה בגוף אין עוה"ז הגשמי, זאָל שטיין בגלוי ווי ער איז „ביכורים" („ראשית" פון דער גאַנצער וועלט) — זייענדיק איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, „לפני הוי' אלקיך", „ישראל וקוב"ה כולא חד".

ו. נאָכמער ובעומק יותר:

דאָס וואָס אידן זיינען „ביכורים" — „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר" — איז אפילו לגבי תורה. וואָרום הגם אַז „בראשית" — „ב' ראשית", „בשביל התורה שנקראת[70] ראשית דרכו ובשביל ישראל שנקראו ראשית תבואתה"[71], „שני דברים קדמו לעולם תורה וישראל, ואיני יודע איזה מהם קודם" — איז אָבער „כשהוא אומר צו את בני ישראל דבר אל בני ישראל אומר אני ישראל קדמו"[72], וויבאַלד אַז „כל התורה היא ציווים לישראל"[73].

---

66) תהלים לז, כג. וראה „היום יום" י תמוז. ג אלול. יד חשון. ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 529 ואילך. וש"נ. וראה „היום יום" ח"י אלול תורת הבעש"ט בש"פ תבוא תרנ"ב עה"פ והי' כי תבוא גו'.

67) ברכות מט, א.

68) ראה בהנסמן בהערה 42.

69) פרשתנו כו, ג.

70) משלי ח, כב.

71) פרש"י שבהערה 52. וראה גם תנחומא (באָבער) בראשית ה.

72) ראה תדא"ר פי"ד (וראה ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 725 שוה"ג להערה 43).

73) סה"מ תש"ה ע' 121. וראה גם סה"מ ה'ש"ת ע' 61.

דער פירוש אין דעם איז אָבער ניט, אַז ישראל, ווי זיי זיינען קדמו ולמעלה מהתורה, האָבן קיין שייכות ניט ח״ו מיט תורה – כמובן פון דעם גופא וואָס דער איין וואָרט „בראשית״ איז כולל „ב׳ ראשית״, תורה וישראל. ד.ה. אַז אע״פ וואָס בגלוי זיינען תורה וישראל צוויי זאַכן, איז אָבער באמת ובעצם זיינען זיי איין זאַך: אידן זיינען פאַרבונדן מיט תורה („הם חיינו ואורך ימינו״[74]), און תורה איז פאַרבונדן מיט אידן („כל התורה היא ציוויים לישראל״).

און דער פירוש אין דעם וואָס „ישראל קדמו״ לתורה איז – ע״ד סיבה ומסובב כביכול: תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב אידן (ציוויים לישראל), און דעריבער[75] איז פקו״נ דוחה כל התורה כולה[76], און ניט פאַרקערט. קיום התורה איז ניט שייך אָן אידן, מ׳דאַרף האָבן אידן וועלכע זאָלן מקבל זיין און מקיים זיין די תורה (וועלכע איז „מורשה קהלת יעקב״[77]). משא״כ קיום ישראל איז שייך אפילו אויב איינער איז עובר אויף תומ״צ ח״ו – כ־מאחז״ל[78] „אע״פ שחטא ישראל הוא״, ווארום אידן זיינען העכער פאַר תורה [ווי דאָס דריקט זיך אויס בגלוי אין דעם ענין התשובה, אַז אפילו דער וואָס האָט עובר געווען ר״ל אויף תורה, קען ער תשובה טאָן, ווארום זיין נשמה דערגרייכט אין אַן „אָרט״ וואָס איז העכער פאַר תורה (כידוע[79] בענין „שאלו לתורה כו׳ שאלו להקב״ה כו׳ אמר יעשה תשובה ויתכפר לו״[80])].

וויבאַלד אָבער אַז תורה קומט צוזאַ־מען מיט ישראל („ב׳ ראשית״) – נאָר בזה גופא – איז „ישראל קדמו״[81] – איז פאַר־שטאַנדיק, אַז די עצם מציאות פון ישראל איז פאַרבונדן מיט תורה [ווארום אידן זיינען פאַרבונדן בעצם מיט דעם אוי־בערשטן, און דעריבער אויך מיט – חכמתו ורצונו ית׳[82] (תורה, וואָס אורייתא וקוב״ה כולא חד[83])], און דעריבער איז די מציאות פון ישראל אַליין (זייענדיק חד מיט קוב״ה) ברענגט אַ אידן צו קיום התורה בפועל ובגלוי, כפס״ד הרמב״ם[84] אַז דער רצון פנימי פון אַ אידן (אפילו אין אַ מצב וואָס יצרו תקפו) איז אַלעמאָל צו מקיים זיין רצון ה׳ („רוצה להיות מישראל ורוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות״).

נאָר ע״ד הרגיל – ווערט דער ענין גופא (ווי ישראל קדמו לתורה) נתגלה

---

74) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת ערבית – ע״פ ל׳ הכתוב (נצבים ל, כ) „כי הוא חייך ואורך ימיך״.

75) ראה גם סה״ש תשמ״ט ח״א ע׳ 129 הע׳ 61.

76) ראה יומא פב, א. כתובות יט, א.

77) ברכה לג, ד.

78) סנהדרין מד, א.

79) ראה סה״מ תרכ״ט ע׳ שלח ואילך. תש״ה ע׳ 124 ואילך. ובכ״מ.

80) יל״ש תהלים רמז תשב. ועוד.

81) ועפ״ז אולי יש לומר הפירוש בהקס״ד במדרש „(שני דברים קדמו לעולם תורה וישראל) ואיני יודע איזה מהם קודם״ (אף שאומר אח״כ „כשהוא אומר צו את בני ישראל . . אומר אני ישראל קדמו״) – שכן הוא גם לפי המסקנא (ש„איני יודע איזה מהם קודם״), כי ישראל ותורה חד הם, אלא שבחד גופא ישראל קדמו.

ועוד י״ל: בעבודה יש ב׳ סדרים, לפעמים תורה קודם לישראל ולפעמים ישראל קודם לתורה (כדלקמן בפנים), ולכן „איני יודע איזה מהם קודם״ בסדר העבודה בפועל. אבל לפי שני האופנים הרי „ישראל קדמו״ בשרשם למעלה.

82) ראה תניא פ״ד.

83) תניא פ״ד ורפכ״ג בשם הזהר. וראה הנסמן במאמרי אדהאמ״צ ויקרא ח״א ע׳ רפה. וראה זח״א כד, א. ח״ב ס, א. תקו״ז ת״ו (כא, ב). תכ״ב (סד, א). לקו״ת נצבים מו, א. ועוד.

84) הל׳ גירושין ספ״ב.

בפועל דורך תורה, וואָרום לויט דעם סדר העבודה ע״ד הרגיל לכתחילה (מצד „אדם ישר הולך״) דאַרף אַ איד לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות, און דורך דעם ווערט נתגלה די מעלה פון אידן; אָבער אויך לולא זה איז שייך עס זאָל זיין דער גילוי העצם פון אידן ווי זיי זיינען למעלה מתורה (ווי דאָס דריקט זיך אויס אין עבודת התשובה, כנ״ל). והביאור בזה:

בנוגע דעם לשון[57] „תלת קשרין[85] אינון מתקשרן דא בדא, קוב״ה אורייתא ו־ישראל״, איז ידועה די שאלה[86]: דריי זאַכן פאַרבינדן זיך דורך צוויי קשרים. וואָס איז דער לשון „תלת קשרין״? איז איינער פון די ביאורים בזה[87]: נוסף צו דעם קשר פון ישראל מיט קוב״ה וואָס ווערט דורך אורייתא, איז אויך דאָ אַ קשר שלישי צווישן ישראל וקוב״ה — ווי ישראל זיינען העכער פאַר אורייתא, און אדרבה — זיי זיינען מחבר תורה מיט קוב״ה[88] (שלמעלה מהתורה).

דאָס הייסט, אין ישראל זיינען פאַראַן צוויי דרגות: (א) ווי נשמות ישראל זיינען יורד למטה אין אַ גוף בעולם הזה הגשמי, וואו זיי זיינען אַ „יש נברא ממש״[89], וואָס צוליב דעם העלם והסתר פון עולם, זעט זיך ניט אָן בגלוי זייער קשר מיט קוב״ה, און דעריבער דאַרף מען דאָס מגלה זיין דורך אורייתא — וואָס אויך זייענדיק למטה איז „אורייתא וקוב״ה כולא חד״; (ב) און דורך דעם (דער פאַרבונד פון ישראל מיט אורייתא) — ווערט נתגלה דער עצם פון ישראל, ווי „ישראל וקוב״ה כולא חד״, ווי זיי זיינען קדמו און העכער פאַר תורה. וואָס דערפאַר האָבן אידן דעם כח צו משפיע זיין און מחדש זיין אין תורה[88], ביז זיי זיינען מחבר תורה וקוב״ה שלמעלה מהתורה (כנ״ל).

ויש לומר, אַז וויבאַלד אידן — אויך ווי זיי געפינען זיך למטה — זיינען „ביכו־רים״, „לפני ה׳ אלקיך״ — איז אויך למטה דאָ דער עצם פון אידן ווי זיי זיינען העכער פאַר תורה [און דאָס דריקט זיך אויס בגלוי אין דעם ענין התשובה, כנ״ל].

וכמובן אויך פון דעם מאחז״ל הנ״ל אַז „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם״, וואָס דאָס איז כולל (בפשטות) יעדער איד, אפילו אַן עם־הארץ[90], וואָס האָט ניט קיין שייכות גלוי׳ צו תורה. [וכמרומז אין דעם לשון חז״ל: אפילו אין דער דרגא פון „נברא העולם״ — וואָס איז געווען פאַר מתן תורה און פאַר דער ציווי אויף לימוד התורה — איז חייב לומר „בשבילי נברא העולם״].

ויש לומר אַז דאָס דריקט זיך אויס בנוגע לפועל בנוגע צו אַ תינוק וקטן בישראל (קודם שמתחיל לדבר ושייך ללימוד התורה בגלוי), ועד״ז אַ קטן בידיעות וואָס האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי׳ צו תורה (שלא באשמתו ח״ו, נאָר תינוק שנשבה לבין העכו״ם[91]) — אַז ווי־

85) „צ״ע דבזהר פ׳ אחרי דע״ג ע״א לא נא׳ הל׳ תלת קשרין כ״א תלת דרגין אינון דמתקשרין כו׳. אמנם בודאי נמצא באיזה מקום בזהר או בתי׳ בל׳ תלת קשרין, וכפה״נ כ״ק רבינו אדמו״ר זצוקללה״ה נ״ע אמר בכל פעם בל׳ תלת קשרין כו׳ שכן נז׳ הלשון בכל הדרושים״ — סה״מ תרנ״ז ס״ע כח.

86) סה״מ תרנ״ז שם.

87) לקו״ש חי״ח ע׳ 408. חי״ט ע׳ 264. סה״מ מלוקט ח״ג ע׳ קנה.

88) ראה לקו״ת שלח מז, רע״ג. סה״מ תש״ה ע׳ 123. וראה גם סה״מ מלוקט שם. ספר השיחות תשמ״ט ח״ב ע׳ 725.

89) סה״מ תש״ה שם.

90) ראה תו״כ ופרש״י עה״פ קדושים כ, ב (ד״ה עם הארץ): „עם שבגינו נבראת הארץ״.

91) ראה רמב״ם הל׳ ממרים פ״ג ה״ג.

באַלד דער אויבערשטער האָט אים אַריינ־געשטעלט אין דעם מצב און ער איז אין דעם ניט שולדיק, איז הגם אַז ער האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה, איז אויך ער בדרגת „ביכורים", וואָס באַלאַנגט „לפני ה' אלקיך", שקדמו ולמעלה מכל עניני העולם, ואפילו קדמו לתורה, און אַלע ענינים זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשבילו".

דאָס הייסט, אַז אין עבודת השם בפועל זיינען פאַראַן צוויי אופנים: (א) ע"ד הרגיל ווערט דער קשר פון ישראל וקוב"ה דורך אורייתא[92], וואָס דערפאַר איז „תלמוד תורה כנגד כולם"[93], און ס'איז אַ חיוב תמידי אויף יעדער איד צו לערנען תורה בכל רגע פנוי[94], ווייל אין דעם איז תלוי זיין קיום ומציאות. (ב) ווען עס רעדט זיך אָבער וועגן אַזאַ וואָס איז אין אַ מצב — שלא באשמתו — וואו ער האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה — איז ביי אים דאָ דער ענין פון „ביכורים", שבשבילו נברא הכל. ואדרבה — דאָס גופא ברענגט אים צו תורה, כנ"ל.

ז. ויש לומר אַז דער ענין כללי אין מצות ביכורים (דער גילוי פון מעלתם של ישראל — „ביכורים" — אויף בעוה"ז ה־גשמי, ביז מעלתם שקדמו לתורה) ברענגט זיך אַרויס אויך אין „מקרא ביכורים", די פרשה וואָס דער מביא הביכורים זאָגט: „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך, ארמי אובד אבי וירד מצרימה גו' ויוציאנו ה' ממצרים גו' ויתן לנו את הארץ הזאת גו'"[95] — וואָס דאָס (ירידת יעקב למצרים און יציאת מצרים און די כניסה לארץ ישראל) זיינען ענינים כלליים פאַרבונדן מיט אַלע אידן בכל הדורות[96]:

דער תוכן הקריאה איז, אַז ניט קוקנ־דיק אויף דעם וואָס „ארמי אובד אבי", אַז יעקב האָט זיך געפונען באַ לבן'ען, וואָס „לבן ביקש לעקור את הכל כשרדף אחר יעקב כו'"[97], און דערנאָך („ועוד אחרים באו עלינו לכלותינו"[97]) „וירד מצרימה ויגר שם במתי מעט" („בשבעים נפש"[97]) — וואָס דאָס אַלץ איז געווען פאַר מתן תורה — איז ניט נאָר וואָס דאָס האָט ח"ו ניט אָנגערירט יעקב ובניו, נאָר אדרבה: „ויהי שם לגוי גדול עצום ורב"[29], סיי בכמות און סיי באיכות,

[אָנהויבנדיק נאָך בזמן יעקב, וואָס זכה אַז „מטתו שלימה"[98], ביז אַז ווען יעקב האָט אין דעם געהאַט אַ חשש, „אמרו לו בניו: שמע ישראל (ישראל סבא) ה' אלקינו ה' אחד, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד, באותה שעה פתח יעקב אבינו ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד"[99] — אַז אויך זייענדיק אין מצרים, איז „אין בלבנו אלא אחד" — די שלימות האחדות מיט דעם אויבערשטן, „לפני ה' אלקיך"]:

און אויך דערנאָך — ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס „וירעו אותנו המצרים וגו'"[100], אין מיצרים וגבולים[101] פון עולם, איז

92) וי"ל שעל דרגא זו אחז"ל (חולין צב, א) „עלין שבה אלו עמי הארץ . . דאלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא". ועפ"ז מובן שאין זו סתירה למאחז"ל הנ"ל ש„כל אחד ואחד חייב לומר כו'", שכולל בפשטות גם ע"ה.

93) פאה פ"א מ"א.

94) סנהדרין צט, א.

95) פרשתנו כו, ה ואילך.

96) כמאחז"ל בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים (משנה פסחים קטז, ב).

97) פרש"י עה"פ.

98) ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. ועוד.

99) פסחים שם.

100) פרשתנו שם, ו.

101) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

„ויוציאנו ה׳ ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטוי׳ ובמורא גדול ובאותות ובמופתים״, ביז „ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש״[102] — ער האָט בוחר געווען אין אידן אַלס „ביכורים״ פון דער גאַנצער וועלט[103]; און דעריבער ברענגען אידן — מדה כנגד מדה[104] — „ראשית פרי האדמה אשר נתתה לי ה׳ והנחתו לפני ה׳ אלקיך״.

וואָס דאָס ברענגט אַרויס ווי אידן — אויך פאַר מתן תורה, איידער זיי האָבן באַקומען אַ שייכות גלוי׳ צו תורה ל־מטה[105] — זיינען בדרגת „ביכורים״, שקדמו לכל דבר, אפילו לתורה, און דאָס קומט אַרויס בגלוי דורך דעם וואָס „ויהי שם לגוי גדול עצום ורב״, און דערנאָך „ויוציאנו ה׳ ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטוי׳ ובמורא גדול ובאותות ובמופתים״, ביז „ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש״.

ח. עפ״ז איז אויך יומתק דער דין באַ ביכורים, אַז „הביכורים טעונין כלי״[106], כמ״ש[26] „ושמת בטנא״, און בזה גופא איז דער דין, אַז „הביאם בכלי מתכות [ווי ס׳איז געווען דער מנהג פון די עשירים אַז „מביאים ביכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב״[107]] נוטל הכהן הביכורים וחוזר הכלי לבעליו, ואם הביאם בכלי ערבה וחלף וכיוצא בהן [כמנהג העניים[107]] הרי הביכורים והסלים לכהנים״[108]:

די[109] שלימות הגילוי פון מעלתן של ישראל בבחי׳ „ביכורים״ באַשטייט אין דעם, אַז אויך ווי זיי שטייען אין אַ „כלי״, אַ נשמה בכלי הגוף (מוגבל), ביז אפילו אין אַ כלי עני (אין עני אלא בדעת[110]), איז דאָרט ניכר ווי זיי זיינען „ביכורים״. ואדרבה: „הביכורים טעונין כלי״ — די ביכורים קומען „לפני ה׳ אלקיך״ דוקא על ידי כלי.

ביז אַז דוקא אַ כלי פון דברים הכי פשוטים (פון עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו) ווערט פאַראיינציקט מיט די ביכורים, אַזוי אַז „הביכורים והסלים לכהנים״, אַז אויך דער כלי עצמו ווערט בדרגת „לפני ה׳ אלקיך״.

און נאָכמער: דורך דעם ווערט אויפ־געטאָן עס זאָל זיין „ושמת בטנא״, טנא ר״ת טעמים נקודות אותיות[111] — אַז מ׳זאָל האָבן די שלימות פון תורה, נוסף צו די אותיות און די נקודות התורה — אויך די טעמי התורה, ובאופן פון „ושמת״ די „ביכורים״ — אַז דער איד „ליגט״ ב־פנימיות אין (די טעמים נקודות אותיות פון) תורה.

ט. ע״פ הנ״ל וועט מען פאַרשטיין (בעומק יותר) די שייכות פון מצות ביכו־רים מיט דעם המשך הפרשה וועגן דעם

102) פרשתנו שם, ח־ט.

103) ועפ״ז יומתק המשך הכתובים שלאחרי זה (שם יח־יט) — „וה׳ האמירך (מלשון חשיבות, אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם — ברכות ו, א) להיות לו לעם סגולה גו׳, ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה״. וכן להלן כח, א.

104) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. וש״נ. ועוד.

105) דאף שהאבות קיימו כל התורה כולה עד שלא ניתנה (ראה יומא כח, ב. קידושין פב, א), הי׳ זה ברוחניות ולא פעל זיכוך בחפצא הגשמית של העולם (ראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 212 ואילך. וש״נ).

106) ל׳ הרמב״ם הל׳ ביכורים פ״ג ה״ז, מספרי פרשתנו כו, ב.

107) ביכורים פ״ג מ״ח.

108) רמב״ם שם ה״ח.

109) בהבא להלן, ראה בארוכה לקו״ש חכ״ט ע׳ 145 ואילך.

110) ראה נדרים מא, א.

111) מגלה עמוקות אופן נג. או״ת להה״מ פרשתנו (נו, ב). וראה גם ספר השיחות תשמ״ט ח״ב ע׳ 694.

ברית אויף כללות התומ"צ [נוסף על האמור לעיל (ס"ה), אַז ביכורים גיט אַרויס דער תוכן פון כל התומ"צ]:

„ביכורים" – די מעלה עצמית פון ישראל (שקדמו לתורה) – איז די התחלה און יסוד פון כל התורה והמצוות: צוליב דעם וואָס „ישראל וקוב"ה כולא חד", מאַכט דער אויבערשטער (לכתחילה) אַ כריתת ברית מיט אידן וואָס פאַראייניקט דעם אויבערשטן מיט אידן (ווי די אחדות פון די שני חלקי הברית), באופן גלוי אויך למטה, וואָס דאָס קומט אַרויס בפועל ובגלוי דורך דעם וואָס „ושמרתם את דברי הברית הזאת", אידן נעמען אויף זיך אָן און זיינען מקיים דעם אויבערשטן'ס תורה ומצוות, „היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים ושמרת ועשית אותם בכל לבבך ובכל נפשך" (באופן אַז דאָס נעמט זיי אינגאַנצן דורך), אַזוי אַז מ'זעט בגלוי בעולם ווי „וה' האמירך היום להיות לו לעם סגולה גו' ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת"[112].

י. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין – בפרטיות יותר – די שייכות פון ביכורים צו דרשת רש"י עה"פ „היום הזה ה"א מצוך" – „בכל יום יהיו בעיניך חדשים כאילו בו ביום נצטוית עליהם"[113]:

מ'האָט פריער גערעדט (ס"ג), אַז וויבאַלד די תכלית אין אידן – זייענדיק „ביכורים" – איז אין זיי גופא, און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן צוליב זיי, איז דעריבער פאַרשטאַנדיק, אַז יעדער פרט אין דעם לעבן פון אַ אידן (אפילו אַזאַ וואָס האָט נאָך ניט אַ שייכות גלוי' מיט תורה) – יעדער רגע אין זמן, יעדע נקודה אין מקום, יעדע איינציקע מחשבה, דיבור אָדער מעשה, האָט אַ תכלית אין זיך אַליין (און איז ניט קיין אמצעי צו אַן אַנדער זאַך), ד.ה. אַז ס'איז אַ דבר חדש לגמרי (מצד דעם תכלית וואָס דער פרט האָט אין זיך אַליין), אויף דעם איז חל דער חיוב פון זאָגן „בשבילי (בשביל פרט זה) נברא העולם", ד.ה. אַז אַלע עניני העולם, אַלע רגעים אין זמן וכו' זיינען נכלל אין דעם רגע אחד.

דערפון איז מובן, אַז דער כח צו אויפטאָן אַז „בכל יום יהיו (תומ"צ) בעיניך חדשים" (אע"פ וואָס ער האָט געטאָן די עבודה אויך לפני זה) – קומט דוקא פון אַ אידן („ביכורים"), וואָרום בנוגע צו כל עניני העולם – וויבאַלד אַז זיי זיינען ניט אַ תכלית פאַר זיך, נאָר אַן אמצעי צו אַן אַנדער זאַך (בשביל ישראל ובשביל התורה), קען דאָך זיין אַז אַ יום (ועאכו"כ אַ רגע) בזמן, זאָל זיין אַ המשך צו דער עבודה פון אַ יום שלפנ"ז, אָדער אַ הכנה ואמצעי צו אַ יום שלאחרי זה:

דוקא אידן האָבן דעם כח צו אויפטאָן „בכל יום יהיו בעיניך חדשים", אַ חידוש אמיתי [בדוגמא דער חידוש בכל יום ובכל רגע בהתהוות יש מאין ע"י הקב"ה עצמו[114]] און בכל יום, וואָס דאָס איז כולל אויך בכל רגע ורגע, אַזוי אַז דער רגע חדש ווערט אַ התחלה חדשה אין זיין עבודה בתומ"צ וועלכע איז אין זיך כולל אַלע רגעים עד סוף וסיום עבודתו,

בדוגמא ווי דוקא אידן האָבן בכח צו מחדש זיין אין תורה עצמה (זייענדיק קדמו לה), ביז אויך – אויפטאָן אַ חידוש אין דעם לומד התורה עצמו, אַז ער ווערט ווי אַן אדם חדש ממש (דורך זיין לימוד התורה), ובכל יום ורגע – באופן חדש.

112) פרשתנו כו, יח־יט.

113) כנ"ל ס"א.

114) ראה סה"מ עטר"ת ע' תמד. ה'ש"ת ע' 117 ואילך.

יא. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין דעם ביאור אין דעם שם הפרשה „תבוא":

אע"פ וואָס „תבוא (אל הארץ)" איז אַ הכנה והקדמה צו קיום המצוות אַריינ־קומענדיק אין ארץ ישראל – איז אָבער זייענדיק אַ פעולה וסדר העבודה פון אַ אידן, האָט דאָס („תבוא") גופא אַ תכלית פאַר זיך (נוסף לזה וואָס דאָס איז הקדמה להבא לאח"ז), וועלכע איז כולל (בפרט זה) אַלע עניני העבודה.

און דאָס איז אויך דער תוכן פון דעם וואָרט „תבוא" עצמו: אויך בהתחלת העבודה פון אַ אידן, ווען ער האַלט ערשט באַ „תבוא" (נאָך איידער ער איז מקיים אַ מצוה) – דאַרף ער אין דעם „אַריינגיין" (תבוא) בפנימיות[115], וויסנדיק אַז אין דעם „תבוא" גופא באַשטייט זיין תכלית ה־עבודה ברגע זה, וואָס איז כולל – און גיט נאָר דעם כח – צו טאָן די עבודה שלאחרי זה: „וירשת וישבת בה", און די מצוה פון הבאת ביכורים ומקרא ביכורים, ביז – כללות קיום הברית בהמשך הפרשה.

ולהוסיף, אַז דער שם הפרשה „תבוא"[116] באַדייט אַז דער „תבוא" איז באופן ודאי (דאָס רעדט זיך ניט וועגן דעם ציווי צו אַריינגיין אין ארץ ישראל) – און דער „כי" גיט אַרויס דעם סדר ווי דאָס וועט זיין – אַז ס'איז אַ דבר ודאי אַז עס ווערט „תבוא אל הארץ וישבת וירשת בה", ובאופן פון „והי' כי תבוא" – אין והי' אלא מיד[117], ביז אַז מיד איז מען מקיים מצות ביכורים.

*

יב. דער ענין הנ"ל האָט אַ שייכות מיוחדת מיט חודש אלול – די צייט פון חשבון הנפש[118] אויפן פריערדיקן יאָר און פון צוגרייטונג צום קומענדיקן יאָר:

חודש אלול – ר"ת „אני[119] לדודי ודודי לי"[120] – איז אַ צייט ווען יעדער איד פילט זיך נאָענט צו דעם אויבערשטן, און אַ נאָענטקייט פאַרבונדן מיט אהבה און ליב־שאַפט, ווי אונטערשטראָכן אין דעם אויס־דרוק „דודי"[121]. און ווי דער באַוואוסטער משל פון דעם אַלטן רבי'ן[122], אַז אין חודש אלול איז דער אויבערשטער ווי אַ „מלך בשדה", „ואז רשאין (ויכולים[123]) כל מי שרוצה להקביל פניו והוא מקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם", און יעדערער קען ביי אים בעטן אַלץ וואָס ער דאַרף האָבן.

דערביי איז נאָכמער בהדגשה דער תוכן פון „ביכורים" – די התאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן ומתוך קירוב ואהבה („דודי") צוליב די טייערקייט פון אידן באַ דעם אויבערשטן; און דערצו זיינען ניטאָ קיינע תנאים, אַז מ'דאַרף זיין אַ תלמיד חכם, אַ לומד תורה אָדער אַ מקיים מצוות וכיו"ב, נאָר „כל מי שרוצה" קען אים מקבל פנים זיין און ער איז „מקבל את כולם בסבר פנים יפות". וואָס דאָס אונטערשטרייכט די מעלה עצמית

115) ראה לקו"ש חי"ט ע' 245.

116) ראה לעיל הערה 22.

117) ספרי ריש פרשתנו.

118) ראה סה"מ תרצ"ו ס"ע 141 ואילך. תרח"ץ ס"ע סו. סה"מ אידיש ע' 75. 129. וראה לקוטי מהרי"ל הל' ימים הנוראים. ל"ת להאריז"ל עה"פ ובכתה גו' ירח ימים (תצא כא, יג). טואו"ח ר"ס תקפא. לקו"ת פ' ראה לב, א.

119) שה"ש ו, ג.

120) אבודרהם סדר תפלת ר"ה ופירושה פ"א. סדר היום (בסדר ר"ח אלול). הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' פב הערה 67.

121) ראה ב"ח לטור שבהערה 118.

122) לקו"ת שם.

123) הוספת־ביאור כ"ק מו"ח אדמו"ר בסה"מ ה'ש"ת ע' 167.

פון אידן — זייענדיק "ראשית תבואתה" פון דעם אויבערשטן — זיינען זיי פאַר־איינציקט מיט אים מיט אַ טיפער ליב־שאַפט (ניט קוקנדיק אויף זייער מעמד ומצב בגלוי ובחיצוניות).

און דאָס איז נאָכמער אונטערשטראָכן אין דעם וואָס "אני לדודי ודודי לי" (ר"ת אלול) הויבט זיך אָן מיט "אני" — דער עצם וועזן פון אַ אידן, ווי ער שטייט אין זיין "אני" (זיין מציאות), אין וועלכן מצב ער זאָל נאָר זיין — ציט ער זיך און פאַרבינדט זיך פון זיך אַליין (באתערותא דלתתא) מיט "דודי" (דעם אויבערשטן), און דאָס (דער "אני לדודי") דוקא ברענגט דערנאָך אויף דעם "ודודי לי", דער פאַרבונד און ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו אידן. וכמ"ש[124] "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם": דורך דעם וואָס "לב האדם" התחתון גלוסט מיט ליבשאַפט "לאדם" העליון — "אני לדודי", ברענגט דאָס דערנאָך דער "ודודי לי" פון "לב האדם" העליון "לאדם" התחתון.

ויש לומר, אַז דאָס וואָס אַ איד (ווי ער שטייט אַלס "אני") האָט בכח דאָס אויפטאָן (ביז אויך מעורר זיין דעם "ודודי לי") — דריקט אויס זיין כח זייענדיק "ביכורים" וואָס שטייען "לפני ה' אלקיך", "ישראל וקוב"ה כולא חד": און בכדי עס זאָל ניט זיין "נהמא דכיסופא"[125], קומט עס אַרויס דורך דעם וואָס אַ איד געפינט זיך למטה אין אַ וועלט וואָס איז מעלים ומסתיר אויף זיין שייכות גלוי' מיט דעם אוי־בערשטן, בכדי אַז ער — דורך זיין עבודה ("אני") — זאָל דאָס מגלה זיין.

ביז אַז דאָס ברענגט אויך אַ שלימות אין קיום התומ"צ — ווי ס'איז אָנגעדייט אין די פינף ראשי תיבות פון "אלול" כנגד תורה עבודה וגמילות חסדים, תשובה וגאולה (כמדובר בשנים שעברו[126]) — כמרומז אין דעם וואָרט "לב"[127] (דער מקום משכן האהבה פון "דודי" (אהבה) — "לב האדם לאדם"), וואָס איז בגימטריא כ"ב בצירוף י', ויש לומר אַז דאָס איז כנגד די כ"ב אותיות התורה וואָס ווערן נתגלה דורך די עשר כחות הנפש פון אַ אידן, וואָס דורך דעם ווערט צוזאַמען — "לב" — ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד, וואָס דעמולט איז דאָ די שלימות גילוי ההתאחדות פון "לב האדם לאדם", "אני לדודי ודודי לי".

יג. דערפון האָט מען דעם לימוד לפועל — בנוגע צו דעם חשבון הנפש וואָס יעדערער דאַרף מאַכן אין חודש אלול אויף דער עבודה פון שנה שעברה, על מנת צו דערגענצן און משלים זיין דאָס וואָס האָט געפעלט אָדער איז ניט דערטאָן געוואָרן בשלימות; און אויך מאַכן די פאַסיקע הכנות צו דער עבודה פון שנה הבאה:

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז יעדער איד איז "ביכורים" וועלכע דאַרפן געבראַכט ווערן "לפני הוי' אלקיך" אין בית המקדש, און דאָס דאַרף דורכנעמען זיין גאַנצן לעבן, אויך זיינע וואָכעדיקע זאַכן — ניט נאָר אין שבת'דיקע און יו"ט'דיקע טעג, ניט נאָר אין חודש אלול און חודש תשרי (המרובה במועדות[128]), נאָר במשך דעם גאַנצן יאָר — איז פאַר־שטאַנדיק וויפל ער דאַרף זיין אָפּגעהיט אין אַלץ וואָס ער טוט.

---

124) משלי כז, יט.

125) ראה ירושלמי ערלה פ"א ה"ג. לקו"ת צו ז, רע"ד.

126) לקו"ש חכ"ט ע' 272 ואילך. וש"נ.

127) ולהעיר, שהמשל דמלך בשדה הוא בלקו"ת דף לב.

128) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב.

אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים אָדער מעשים – אָבער ביים אַריינטראַכטנדיק זיך ווי געהעריק, אַז אויך די מחשבה, דיבור אָדער מעשה איז אַ טייל פון „ביכורים״ וואָס ווערט גע־בראַכט אין בית המקדש, לפני ה׳ אלקיך – און דער כהן אשר יהי׳ בימים ההם גיט אַכטונג אויף זיין יעדער תנועה – וועט ער געוויס זיך באַמיען און אָנשטרענגען אַז יעדער מינדסטע זאַך, יעדער איינצל־נער פרט פון זיין הנהגה, זאָל געטאָן ווערן מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמ־קייט און אָפּגעהיטנקייט.

אויב דאָס איז אַזוי בכל ימי השנה, וויפל נאָך שטאַרקער דאַרף זיין די אחריות און זהירות – צוזאַמען מיט דעם זכות – שטייענדיק אין חודש אלול, דער חודש החשבון פון דעם גאַנצן פאַריקן יאָר, און חודש הכנה צו דעם גאַנצן קומענדיקן יאָר, ובפרט אין די לעצטע צוועלף טעג פון חודש אלול וועלכע זיינען כנגד די י״ב חדשים, יום לחודש[129] – איז נאָכמער מובן, ווי מ׳דאַרף האַלטן טייער יעדער רגע פון דעם טאָג (זייענדיק כנגד אַ גאַנצן חודש), אין מאַכן דעם געהעריקן חשבון הנפש און הכנה צו שנה הבאה!

ובפרט אַז נוסף צו דעם סגולה חודש פון אלול – איז דאָס אין יאָר תשנ״א, ר״ת הי׳ תהא שנת נפלאות אראנו, און אַ הכנה צו שנת תשנ״ב, ר״ת תהא שנת נפלאות בכל. ויש להוסיף בינה – מיט דער מעלה פון בינה לגבי חכמה (ראי׳, אראנו), און חיבור שניהם יחד – הבן בחכמה וחכם בבינה, כמבואר בכ״מ[130].

ונוסף אויף דער אייגענע עבודה בכל הנ״ל, דאַרף מען אויך זען משפיע זיין און איינווירקן אויף אַנדערע אידן אַרום עם, זיי זאָלן אויך טאָן זייער עבודה בשלימות אין חודש אלול, און בימי הסליחות, און דערנאָך אויך אין חודש תשרי.

ועוד ועיקר – מעורר זיין נאָכאַמאָל וועגן דער השתדלות צוצושטעלן די צרכי החג צו אַלע די וואָס דאַרפן דערצו אָנקומען, ולפני זה – די צרכים פון ראש השנה („אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו״[131]), און עד״ז אין די ימים שבינתיים און במשך גאַנץ חודש תשרי.

יד. אין דעם אַלעם קומט צו אַ לימוד מיוחד בנוגע צו דער גאולה, וואָס דאַרף קומען תיכף ומיד ממש (לויט אַלע סימנים):

די שלימות פון „תבוא אל הארץ״ (און קיום מצות ביכורים בפשטות) וועט זיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ווי ס׳איז געווען „כימי צאתך מארץ מצרים״[132], ווי עס רעדט זיך בפרשת ביכורים.

וויבאַלד אַז דאָס איז דער ענין הכי עיקרי שהזמן גרמא – וואָרום לויט אַלע סימנים האָט די גאולה שוין פון לאַנג געדאַרפט קומען – איז פאַרשטאַנדיק אַז דער „וענית ואמרת לפני ה׳ אלקיך״, ובפרט אין חודש אלול ווען „רשאין כל מי שרוצה להקביל פניו והוא מקבל את כולם

129) ספר השיחות תש״ג ע׳ 177. 179.

130) ספר יצירה פ״א מ״ד. וראה סה״מ תרנ״ט ע׳ עד ואילך. ועוד.

131) נחמי׳ ח, י. וראה לקו״ש חי״ד ע׳ 369 ואילך.

132) ל׳ הכתוב – מיכה ז, טו.

בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם״ — דאַרף זיין ספּעציעל אַ בקשה (בקול רם) „עד מתי״?!... זאָל שוין זיין די גאולה בפועל ממש!

והיות, אַז דער „וענית ואמרת״ קומט פון אַ אידן — וואָס ער איז „ביכורים״ לה׳, „כולא חד״ מיט דעם אויבערשטן, און דער „וענית ואמרת״ ווערט געזאָגט „לפני הוי׳ אלקיך״ (כולל בפירושו לפני — בפני־מיותו, כנ״ל) — איז פאַרשטאַנדיק אַז דער „וענית ואמרת״ האָט בכח צו ברענגען די גאולה בפועל [אַזוי ווי דער „ונצעק אל ה׳״[133] בגלות מצרים „וישמע ה׳ את קולינו גו׳ ויוציאנו ביד חזקה גו׳ ויביאנו גו׳ ויתן לנו את הארץ הזאת״], ביז נאָכמער — אַז „טרם יקראו ואני אענה״[134]: היות אַז ס׳איז דאָ די מציאות פון אַ קורא (אַ איד), און ער שטייט אין אַ מצב פון „יקראו״, וואַרט ניט דער אויבערשטער ביז ס׳איז דאָ די קריאה בפועל, נאָר „טרם יקראו ואני אענה״.

ואע״פ אַז ס׳איז ידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו (וועלכער איז אָפּגע־דרוקט און מפורסם[135]), אַז „ניט מיט אונזער רצון זיינען מיר געגאַנגען אין גלות און ניט מיט אונזער רצון וועלן מיר אַרויס פון גלות, נאָר ברצון ה׳ כו׳״ — רעדט זיך עס ווי אַ איד געפינט זיך מיט אַן אייגענעם רצון („אונזער רצון״, וואָס איז באַזונדער ח״ו פון רצון ה׳) אין עולם הזה הגשמי בעובדין דחול וכו׳; אָבער ווי אַ איד שטייט „חד״ מיט קוב״ה, ובפרט אין חודש אלול (ווען ס׳איז אַ מצב פון „אני לדודי ודודי לי״) האָט ער ניט זיין אייגענעם רצון, נאָר בלשון המשנה[136] — „עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו״ — דער רצון פון דעם אויבערשטן איז דער רצון פון אַ איד, דער רצון פון אַ איד איז דער רצון פון דעם אויבערשטן — האָט אַ איד בכח צו (אויפטאָן אַז דער אויבערשטער זאָל) מבטל זיין דעם גלות און ברענגען די גאולה תיכף ומיד ממש!

— דער ענין הגלות איז דאָך כלל וכלל ניט שייך צו אַ אידן. וואָרום מקומו פון אַ איד איז — סמוך על שולחן אביו[137], „לפני ה׳ אלקיך״ אין בית המקדש. און דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ גלות איז בכדי אַרויסרופן די עבודה פון אַ אידן צו מגלה זיין אין וועלט ווי ער איז „ביכורים״ לה׳, און ווי „ישראל וקוב״ה כולא חד״, און דורך דעם — גלייך מבטל זיין דעם גלות, און אַרויסנעמען אַלע ענינים טובים ונעלים וואָס זיינען פאַראַן אין גלות, ביז — מאַכן פון „גולה״ עס זאָל זיין „גאולה״ (דורך מגלה זיין דעם אל״ף פון אלופו של עולם — די כוונה עליונה — אין גלות[138]), די מעלה פון תשובה וואָס קומט אַרויס דורך דער ירידה אין גלות.

ואע״פ אַז „אחטא ואשוב כו׳ אין מספיקין בידו לעשות תשובה״[139] — האָט אָבער דער אויבערשטער געשיקט אידן אין גלות („ניט מיט אונזער רצון זיינען מיר געגאַנגען אין גלות״ כנ״ל) — נאָר דאָס איז געקומען דורך דעם וואָס „נורא עלילה על בני אדם״[140] נאָר בכדי אויפהויבן אידן העכער; ובמילא, דורך „וענית ואמרת״ פון אַ אידן האָט ער בכח צו מבטל זיין דעם העלם וירידה לפי שעה

133) פרשתנו כו, ז.

134) ישעי׳ סה, כד. וראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ז.

135) שיחת ג׳ תמוז תרפ״ז — נדפסה בסה״מ תרפ״ז ע׳ קצו. ובכ״מ.

136) אבות פ״ב מ״ד.

137) ראה ברכות ג, סע״א.

138) ראה לקו״ת בהעלותך לה, ג. ובכ״מ.

139) משנה סוף יומא.

140) תהלים סו, ה. תנחומא וישב ד.

פון גלות, און אַריינשטעלען אַן אל״ף — אלופו של עולם, מגלה זיין אין דעם — די גאולה האמיתית והשלימה.

ויהי רצון, אַז דורך דעם „וענית ואמרת״ פון אַ אידן, וואָס ער בעט און שרייט צום אויבערשטן: אנא רחם און נעם שוין אַרויס אידן פון גלות, און ברענג שוין די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו —

ויהי רצון מהשם אַז דאָס זאָל פועל זיין פעולתו, און ברענגען די גאולה תיכף ומיד ממש, און אַלע אידן, און יעדער איד, גייען און — „תבוא אל הארץ אשר ה׳ אלקיך נותן לך נחלה וירשת וישבת בה, ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו׳״,

„וענית ואמרת״ — עס זאָל זיין תיכף ומיד ממש.

**לזכות**

## **כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

## **יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**